בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת חיי שרה, מברכים חודש כסלו, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע"א, ביי סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

## היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי

Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

## היכל הקודש וויליאמסבורג

Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

## היכל הקודש בארא פארק

Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

## היכל הקודש קרית יואל

Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

## היכל הקודש קרית יואל

Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

## היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו

Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

## היכל הקודש מאנסי

Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

## נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש

181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

**שבת קודש פרשת חיי שרה, מברכים חודש כסלו, שנת תשפ"ב לפרט קטן, איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע"א. ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן א הערליכע שיעור איבער דעם ענין פון נישט האבן קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן.**

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן:

## אברהם אבינו האט מגלה געווען די אמונה פאר די גאנצע וועלט

מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון די אבות הקודשים; אברהם אבינו איז געווען דער איינציגסטער מענטש אויף די גאנצע וועלט וואס האט מגלה געווען די אמונה, ער האט פארשפרייט פאר די גאנצע וועלט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און ווען ער האט געמיינט אז דער אייבערשטער וויל ער זאל שחט'ן זיין זון איז ער געווען גרייט צו טון דעם רצון השם מיט מסירת נפש, און צום סוף ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט ער זאל נישט שחט'ן זיין זון איז ער נישיט געווען צופרידן ביז ער גענומען דעם איל אנשטאט זיין זון, אבער מיט דעם אלעם האט מען אים געפרואווט מיט גאר שווערע נסיונות.

## ער האט נאר געהאט שוועריקייטן

ווען אברהם אבינו איז אהיימגעקומען פון די עקידה האט ער שוין געהאט א נסיון, זיין ווייב איז אוועק, אזוי ווי רש"י זאגט (בראשית כג, ב): "נִסְמְכָה מִיתַת שָׂרָה לַעֲקֵדַת יִצְחָק, לְפִי שֶׁעַל יְדֵי בְּשׂוּרַת הָעֲקֵדָה, שֶׁנִּזְדַּמֵּן בְּנָהּ לִשְׁחִיטָה, וְכִמְעַט שֶׁלֹּא נִשְׁחַט, פָּרְחָה נִשְׁמָתָהּ מִמֶּנָּה וּמֵתָה", דורכדעם וואס מען האט דערציילט פאר שרה אז מען האט ארויפגעברענגט איר זון צו שחט'ן – איז זי געשטארבן; נאכדעם איז ער געגאנגען זוכן א

פלאץ וואו איר צו באערדיגן, ער האט זיך ארומגעדריידט אין גאנץ ארץ ישראל נישט טרעפנדיג קיין פלאץ וואו איר צו באערדיגן, ביז ער האט געטראפן 'עפרון' וואס האט אים געמאכט צו נאר, קודם האט ער געזאגט אז ער גיבט דעם שטיקל פעלד די מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אומזיסט און שפעטער האט ער געבעטן דערויף טייער געלט. זעט מען דא אז וואו אברהם אבינו איז געקומען, וואו אברהם אבינו איז געגאנגען האט ער נאר געהאט נסיונות, ער האט נאר געהאט שוועריקייטן, מיט דעם אלעם האט ער נישט געהאט קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן.

## איז דאס דען א חידוש אז מען רודפ'ט צדיקים?!

עס איז דא א מורא'דיגע בריוו (אגרת הקודש; נדפס בסוף ספר הקדוש נועם אלימלך), וואו רבי אלעזר זכר צדיק לברכה - דער זון פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו שרייבט פאר זיין פעטער ר' מענדל וואס האט אים פארגעהאלטן "היתכן דו גייסט אוועק פון די מסורה, דו פארסט צו צדיקים...?" שרייבט אים רבי אלעזר אזוי: "נִדּוֹן הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁנִּתְעוֹרְרָה בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים עַל הָרַב הַאי גָּאוֹן הֶחָסִיד הַמְפֻרְסָם, הָאַבַ"ד דק"ק זֶעלְחָאב נֵרוֹ יָאִיר", איבער די גאנצע פרשה פון די מחלוקת וואס איז יעצט דא אויפ'ן הייליגן קדושת לוי זכותו יגן עלינו (וואס האט געוואוינט אין זעלחאב), וואס מען רודפ'ט אים דארט, "שָׁאַלְתִּי אֶת אאמ"ו נֵרוֹ יָאִיר", האב איך געפרעגט מיין הייליגן טאטען, דער הייליגער רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו, פארוואס איז דאס אזוי אז מען רודפ'ט אזא הייליגער צדיק, "וְהֵשִׁיב לִי בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: מַה זֶה חִידּוּשׁ אֶצְלְכֶם", האט ער מיר געענטפערט מיט דעם לשון: "איז דאס דען א חידוש אז מען רודפ'ט צדיקים?!" "כְּבָר הָיָה לְעוֹלָמִים דְּבָרִים כָּאֵלוּ. מָצִינוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם שֶׁהִפִּיל אוֹתוֹ נִמְרוֹד לְכִבְשָׁן אֵשׁ וְיָצָא בְּשָׁלוֹם", אזוי איז אייביג געווען אז מען האט גע'רודפ'ט צדיקים; נמרוד האט אריינגעווארפן אברהם אבינו אין קאלעך אויוון און ער איז ניצל געווארן, "וּכְשֶׁבָּא לְאֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל נִתְהַוָּה רָעָב בָּאָרֶץ״, און ווען ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל איז דארט געווארן א הונגער, ״וְאָמְרוּ יוֹשְׁבֵי הַמָּקוֹם הַהוּא מֵחֲמַת שֶׁזֶּה הַמִּין בָּא אֶצְלֵנוּ אֵרַע לָנוּ מִקְרֶה זֶה״, האבן אלע מענטשן געזאגט: ״ווייל דער מין, דער אפיקורס אברהם איז געקומען איז געשען דער הונגער״, ״וְהָלַךְ לְמִצְרַיִם כְּדֵי לְהַשְׁקִיט הַדָּבָר לְבַל יִתְפַּשֵּׁט בֵּינֵיהֶם, וְאִלּוּלֵי זֹאת לֹא הָיָה הוֹלֵךְ לְמִצְרַיִם שֶׁלֹּא אָמַר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כִּי אִם לֵךְ אֶל אֶרֶץ כְּנַעַן״, און מענטשן האבן אנגעהויבן פארלירן די אמונה אינעם אייבערשטן זעענדיג ווי צוליב וואס אברהם אבינו גלייבט נישט אין נמרוד איז געשען דער הונגער, האט אברהם אבינו געדארפט אראפנידערן קיין מצרים, אפילו דער אייבערשטער האט אים דאס נישט געהייסן, נאכדעם האט פרעה צוגענומען זיין ווייב, עיין שם.

## דאס איז די גרויסקייט פון א צדיק

זעט מען דא ווי אויף אלע צדיקים גייען איבער שווערע נסיונות, אבער דאס איז די גרויסקייט פון א צדיק אז ער האט נישט קיין תרעומות אויפ׳ן אייבערשטן, אפילו עס גייט איבער אויף אים פילע שוועריקייטן דאך גלייבט ער ווייטער אינעם אייבערשטן אן קיין קשיות.

## אפילו א פשוט׳ער מענטש קען אויך זוכה זיין צו דעם

בפשטות זעט אויס ווי דאס איז זייער א הויכע זאך, א מענטש זאל צוקומען צו אזא מדריגה פון נישט האבן קיין קשיות אויפ׳ן אייבערשטן אפילו עס גייט איבער ביטערע שווערע נסיונות, אבער אז מען איז מקורב צו א צדיק, און מען לעבט מיט די לימודים פונעם צדיק, קען אפילו א פשוט׳ער מענטש אויך זוכה זיין צו דעם.

## היינט איז שוין ממש ביטול הבחירה

ברוך השם אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי׳ן; אז מען לערנט

דעם הייליגן רבי'נס ספרים, קען יעדער פשוט'ער איד צוקומען צו די אלע מדריגות. היינט איז שוין ממש ביטול הבחירה, אפילו איינער וואס פארשטייט נישט קיין 'ליקוטי מוהר"ן', אפילו איינער וואס פארשטייט נישט די 'שיחות' פון רבי'ן, אבער אז ער מאכט זיך א שיעור אין מוהרא"ש'ס ספרים, אין די שיינע בריוון און קונטרסים וואס מוהרא"ש האט געשריבן, מוהרא"ש האט געשריבן קונטרסים אויף אלע שפראכן – קען אפילו דער פשוט'סטער מענטש צוקומען צו די אלע מדריגות.

## דאס איז נישט קיין עצה צו האבן קשיות אויפ'ן אייבערשטן

א מענטש פירט זיך אויף גוט, ער טוט גוטע זאכן, ער דינט דעם אייבערשטן מיט מסירת נפש, אבער ער זעט נישט אז ער זאל ווערן געהאלפן, הייבט דער מענטש אליינס אן טראכטן: "וואס הייסט? וואס גייט פאר מיט מיר? איך זע אנדערע מענטשן, דער דאוועט נישט – און עס גייט אים גוט, דער לערנט נישט – און ער קויפט און פארקויפט, ער איז מצליח, דער טוט עבירות רחמנא לצלן – און אלעס גייט אים כסדר, און איך בין אזוי גוט, איך פרוביר צו זיין אזוי ערליך, איך פרוביר זיך צו שטארקן איבער מיינע נסיונות און עס גייט מיר נישט, איך זע נישט קיין ישועה!" – דארף ער געדענקן דאס איז נישט קיין עצה צו האבן קשיות אויפ'ן אייבערשטן, דאס גרויסקייט פון א צדיק, דאס גרויסקייט פון א איד איז אז ער האט נישט קיין קשיות, ער האט נישט קיין תרעומות אויפ'ן אייבערשטן.

## ער זוכט צו מצליח זיין און עס גייט נישט

דאס זענען די אלע סדרות וואס מען לערנט יעצט, וואו מען זעט ווי די אבות הקדושים האבן זיך אזוי געמוטשעט, די פלשתים האבן פארשטאפט די קוועלער וואס אברהם אבינו האט געגראבן און יצחק

אבינו האט געדארפט זוכן וואסער איינמאל און נאכאמאל, אזוי איז עס מיט א מענטש, ער זוכט צו מצליח זיין און עס גייט אים נישט, דארף ער וויסן דאס וויל דער אייבערשטער און ווי אזוי דער אייבערשטער וויל איז גוט.

## מיר האבן טאקע דעם אייבערשטן

עס איז געווען די דריטע יאר פון ישיבה, האבן מיר געהאט א מעשה מיט׳ן בעל הבית פון די קעמפ וואו מיר זענען געווען א יאר פארדעם, אז ער האט אוועק געגעבן דעם קעמפ פאר א צווייטע מוסד, ווען מיר האבן אים געפרעגט ״פארוואס האסטו עס נישט געגעבן פאר אונז?״ האט ער געענטפערט מיט געשפעט: ״וואס שרייסטו? דו רעדסט דאך צום אייבערשטן, דו האסט דעם אייבערשטן, בעט דעם אייבערשטן וועסטו האבן א קעמפ...״ איינער איז דאס געגאנגען איבער דערציילן פאר מוהרא״ש, האט מוהרא״ש געזאגט: ״יא יא, עס איז נישט קיין טשעפע, ער זאגט זייער ריכטיג, מיר האבן טאקע דעם אייבערשטן, וועלן מיר גיין צום אייבערשטן און בעטן א קעמפ!״

## מֵעַז יָצָא מָתוֹק

עס האט דעמאלט אוסגעקוקט ממש פארלוירן, מיר האבן נישט קיין קעמפ, מיר זענען די ערשטע מאל געבליבן זומער אין שטאט די ערשטע צוויי דריי וואכן, מיר האבן טאקע נישט געהאט צו וועמען צו גיין - נאר צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן, ׳מֵעַז יָצָא מָתוֹק׳, פון די שווערע זומער וואס מיר האבן געהאט איז ארויסגעקומען זייער שיינע זאכן. אלעס האט זיך געגעבן א ריק; מוהרא״ש איז געקומען אין קעמפ און עס איז געווארן שידוכים, מוהרא״ש האט יענעם זומער מיר מכבד געווען צו דאווענען ראש השנה אין אומאן וכו׳ וכו׳, אבער עס האט אויסגעקוקט אויפ׳ן מינוט ווי עס איז נישט קיין גוטע זאך, ער האט

געשפעט: "עטץ האטס דאך אייבערשטן גייטס צום אייבערשטן..." – דאס האבן מיר געטון מיר זענען געגאנגען רעדן צום אייבערשטן, מיר האבן אים געבעטן און עס איז געווארן זייער זיס.

## מען האט אים גערופן 'מין'

דאס זעט מען ביי אברהם אבינו ווי אלע מענטשן האבן געזאגט אויף אים: "ווייל דער מין, דער אפיקורס אברהם איז געקומען איז געשען דער הונגער", מען האט אים גערופן 'מין' ווייל ער גלייבט נישט אין נמרוד, מען האט געשריגן אויף אים אז ער איז נישט קיין צדיק, און ער האט זיך דערהאלטן און נישט געהאט קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן.

## שייכות צום רבי'ן

דאס איז די גרויסקייט פון א צדיק, און דאס איז די גרויסקייט פון איינער וואס דריידט זיך אין א פלאץ וואו מען רעדט דיבורים פון א צדיק, און האט א שייכות מיט'ן צדיק; ווי אזוי קענען מיר האבן א שייכות מיט'ן הייליגן רבי'ן? אז מען וועט ארייננעמען דעם רבי'ן אין זיך, מען וועט לערנען דעם רבי'נס ספרים – דאן באקומט מען א שייכות צום רבי'ן.

## 'אשר בנחל' - האט מען שוין אלע ספרים פון רבי'ן

לאמיר זיך באנייען מאכן א שיעור אין רבי'נס ספרים, לאמיר מאכן א שיעור אין 'אשר בנחל'. אז מען לערנט 'אשר בנחל' – האט מען שוין אלע ספרים פון רבי'ן, ליקוטי מוהר"ן, שיחות הר"ן, חיי מוהר"ן, ספורי מעשיות, ספר המדות; אלעס ליגט דערין, דאס וועקט אויף דעם מענטש ער זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

## יעדע תפלה גייט ארויף צום אייבערשטן

דעם רבי'נס ספרים זענען מחזק א מענטש ער זאל נישט האבן קיין

קשיות אויפ׳ן אייבערשטן, דאס איז זייער א שווערע זאך נישט צו האבן קיין קשיות אויפ׳ן אייבערשטן, ווייל מען טרעפט בחורים, אינגעלייט אדער משפחה, און מען זאגט זיי פון די עצה פון התבודדות, זאגן זיי: **״נע, איך האב שוין אזויפיל מאל געבעטן דעם אייבערשטן און עס האט גארנישט געהאלפן, וואו גייען אלע מיינע תפלות?״** א בחור האט מיר געזאגט: **״דער ראש ישיבה זאגט אייביג ביי די דרשות אז וואס מען בעט דעם אייבערשטן באקומט מען, איך האב געבעטן און גארנישט באקומען!״** זאג איך אים: ״איך קען דיר דאס נאכאמאל איבערזאגן – ׳יעדע תפלה גייט ארויף צום אייבערשטן׳״.

## איך דארף דעם אייסקריעם (מיט ניסלעך)...

נאר עס איז גלייך צו א קינד וואס טאר נישט עסן א געוויסע עסן ווייל עס איז נישט געזונט פאר אים, צום ביישפיל ער טאר נישט עסן קיין ניסלעך, אויב ער עס דאס איז ער אין א סכנה השם ישמרינו, און דאס קינד שרייט, שטויסט און ווארפט זיך: ״איך דארף דעם אייסקריעם (מיט ניסלעך)״, דער טאטע האט אזוי רחמנות אויף אים, אבער ער קען עס אים נישט געבן ווייל עס קען געשען א סכנה, וואס טוט דער טאטע? ער וועט אים געבן עפעס אנדערש אנשטאט דעם אייסקריעם.

## מיינע תפלות און מיין געוויין פאלן נישט אוועק

די זעלבע זאך איז מיט תפילה, יעדע תפילה גייט ארויף צום אייבערשטן, דאס וואס איך זע נישט די ישועה איז ווייל דער אייבערשטער ווייסט אז דאס איז נישט גוט פאר מיר, אבער מיינע תפלות און מיין געוויין פאלן נישט אוועק, עס וועט מיר ברענגען א אנדערע ישועה וואס איז יא גוט פאר מיר, דער אייבערשטער וועט מיר עפעס אנדערש געבן אנשטאט דעם.

## העלף מיר איך זאל זען דאס גוטס

מען קען נישט האבן קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן "פארוואס ווער איך נישט געהאלפן?" ווייל דאס איז זיכער גוט פאר מיר, בעט דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם העלף מיר איך זאל זען דאס גוטס, העלף מיר איך זאל פארשטיין אז אזוי איז גוט פאר מיר".**

## א איד פרעגט נישט 'פארוואס?'

דאס דארף מען ארויסנעמען פון די סדרות וואס מיר לערנען יעצט, דער ערליכער איד מוטשעט זיך, עס גייט אויף אים אריבער פילע שוועריקייטן, אבער ער האט נישט קיין קשיות אויף די אמונה, ער האט נישט קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן. מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט זאגט בזה הלשון: יעדער איינער האט א 'קשיא'; אנגעהויבן ביי א בחור, ער האט א קשיא: "פארוואס גייט מיר נישט קיין שידוך און יענער האט שוין יא באקומען זיין שידוך? איך בין דאך אזוי וואויל!" נאך די חתונה האט מען ווייטער א קשיא: **"פארוואס האב איך נישט קיין קינדער?" "פארוואס דארף איך זיך אזוי מוטשען?" "פארוואס טרעף איך נישט קיין הויז?" "פארוואס טרעף איך נישט קיין דזשאב?" פארוואס האב איך אזעלכע קינדער?"** אלעס איז 'פארוואס', 'פארוואס', 'פארוואס', 'פארוואס', - זאגט מוהרא"ש - 'פארוואס' איז נישט קיין אידישע זאך, א איד פרעגט נישט 'פארוואס?', "'**לָמָּה' - יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם** (תהלים עט, י)", א גוי זאגט "לָמָּה?" א גוי איז אלץ פארנומען מיט "פארוואס איז דאס געשען - וועגן דער פרעזידענט", פארוואס איז דאס געשען - וועגן דער מדינה", "רוסלאנד איז שולדיג", "טשיינע איז שולדיג", אבער א איד זאגט שטענדיג: "אזוי וויל דער אייבערשטער", ווי דער רבי האט געזאגט: **"ווי אזוי? אט אזוי!" ווי אזוי עס איז - אזוי וויל דער אייבערשטער.**

## וואס איז שלעכט ווי אזוי עס איז?!

איינער האט אמאל געפרעגט מוהרא"ש: "וואס וועט זיין?" [אזוי ווי עס גייט דאס שפריכווארט], האט מוהרא"ש צוריק געענטפערט: "וואס איז שלעכט ווי אזוי עס איז?!" דאס איז גאר א שיינע שיחה. מענטשן זענען צוגעוואוינט דאס צו פרעגן ווען מען טרעפט זיך איינער מיט'ן אנדערן, "וואס וועט זיין?" - זאגט מוהרא"ש: "גארנישט! עס איז זייער גוט ווי אזוי עס איז.

## א שיינע 'מעשה פון תפלה'

און אויב איז דיר יא שווער, דו ווילסט עפעס טוישן, בעט עס פונעם אייבערשטן, צום ביישפיל, א בחור וויל א שידוך - גיי אביסל שפאצירן מיט'ן אייבערשטן און בעט עס פונעם אייבערשטן. איינער פון די בחורים האט מיר דערציילט א שיינע 'מעשה פון תפלה', שוין פון אנהייב וואך האט ער געבעטן דעם אייבערשטן אז אזוי ווי ער געדענקט פון פאריאר ווי דער ראש ישיבה האט דערמאנט פרשת ויצא דעם פסוק פון (בראשית כד, סג): "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה" - אלס חיזוק פאר בחורים וואסווארטן אויף זייער שידוך, זאל דער ראש ישיבה דאס יאר אויך רעדן דערפון, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מיטוואך אינמיטן דעם טעגליכן שיעור האבן מיר גערעדט פון דעם פסוק מיט שיינע התחזקות.

## נישט דא קיין גרעסערע זאך פון אויפבויען א נייע שטוב

א בחור איז א גרויסער רחמנות, ער דארף א שידוך, קיינער פארשטייט נישט א בחור, עס איז א גרויסע מצוה צו עוסק זיין אין מאכן שידוכים, אז עס פאלט דיר ביי א שידוך רוף אן יענעם און טראג אן דעם שידוך, עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך פון אויפבויען א נייע שטוב, מאכן שידוכים.

וואס האט יצחק געטון ווען ער האט געדארפט א שידוך? "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב (בראשית כד, סג)", אפילו עס האט אים שוין אויסגעקוקט ממש נאכט, עס איז אים שוין געווען פינסטער, עס האט שוין אויסגעקוקט ווי עס איז געענדיגט, "איך וועל שוין נישט טרעפן קיין שידוך", האט דער אייבערשטער געהאלפן אז ער האט געטראפן זיין שידוך.

דאס דארפן מיר אויך נאכטון, זאגן פאר'ן אייבערשטן: רבונו של עולם העלף מיר איך וויל שוין א שידוך", "רבונו של עולם העלף מיך איך וויל קינדער", "רבונו של עולם העלף מיר איך וויל פרנסה", "רבונו של עולם העלף מיר איך וויל זיין אן ערליכער איד", "רבונו של עולם העלף מיר איך זאל קיינמאל נישט האבן קיין קשיות אויף דיר, איך זאל קיינמאל נישט פרעגן 'פארוואס'".

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קיינמאל נישט האבן קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן, אמן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזינגען לכבוד שבת מברכים דעם ניגון אויף די ווערטער: "יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן".